**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט כמעט $38 מיליאן אין פעדעראלע פינאנצירונג צו פארשטערקערן זיכערהייט פאר נאן-פראפיטס וועלכע ספראווען זיך מיט הויכע ריזיקעס פון טערארר**

***פינאנצירונג וועלן העלפן נאן-פראפיט ארגאניזאציעס פארשטערקערן פאסיליטי זיכערהייט און אלגעמיינע גרייטקייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט $37.9 מיליאן אין פעדעראלע פינאנצירונג צו שטיצן די באמיאונגען פון 195 נאן-פראפיט ארגאניזאציעס וועלכע ספראווען זיך מיט א הויכע ריזיקע פון טעראריסט אדער אנדערע עקסטרעמיסט אטאקע צו פארשטערקערן די זיכערהייט פון זייערע פאסיליטיס, ווי אויך צו פארבעסערן זייער אלגעמיינע גרייטקייט. די פינאנצירונג, צוגעשטעלט דורך די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור דורך איר נאן-פראפיט זיכערהייט גרענט פראגראם, ווערט באשטימט פאר ניו יארק דורך צוויי באזונדערע צוטיילונגען - $33.3 מיליאן פאר ארגאניזאציעס אינערהאלב דער ניו יארק סיטי מעטרא געגנט און $4.7 מיליאן פאר ארגאניזאציעס דורכאויס די איבריגע טיילן פונעם סטעיט. דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס פארוואלטן די פראגראמען אין נאנטע מיטארבעט מיט ארטיגע סטעיקהאלטער.

"די נאן-פראפיט זיכערהייט גרענט פראגראם איז א וויכטיגע טייל פון אונזער פלאן צו אויסראטן דאמעסטישע טערארר אין ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "נישט קיין חילוק וואו מיר נעמען זיך צוזאם, האבן מיר דאס רעכט פאר א רואיגע און איבערגעגעבענע צוזאמקום אן די שרעק פון געוואלדטאט אדער שטארקע קריטיק. די באמיאונגען דארפן נישט וויניגער ווי דאס גאנצע מיטארבעט פון די וועלכע זענען פארמישט אין שאפן א זיכערע ענווייראנמענט פאר אלע וועלכע וואוינען, ארבעטן און באזוכן אונזער געוואלדיגע סטעיט."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** "די קריטיש-וויכטיגע פינאנצירונג העלפט ארויס נאן-פראפיטס לענגאויס די סטעיט דורך פארשטערקערן זייער אינפראסטרוקטור און טרענירונג פאר זיכערהייט-באזירטע געשעענישן צו אפהאלטן טערארר אטאקעס און האסן פארברעכן. מיר ארבעטן מיט אונזערע מיטארבעטער אויף אלע שטאפלען פון רעגירונג צו פארזיכערן אז די פראגראם זעצט פאר צו מאכן ניו יארק א מער זיכערע ארט פאר אלעמען."

איבער די גאנצע לאנד ווערט צוגעשטעלט א סך הכל פון $305 מיליאן דורך דער נאנ-פראפיט זיכערהייט גרענט פראגראם אין FY2023. פון דער סומע איז $152.5 מיליאן אין פינאנצירונג גרייט געמאכט פאר נאן-פראפיט ארגאניזאציעס וואס געפונען זיך אין איינע פון די שטאטישע ערטער זיכערהייט איניציאטיוו (Urban Area Security Initiative, UASI) דעזיגנירטע הויכע ריזיקע שטאטישע ערטער. די איבעריגע $152.5 מיליאן איז רעזערווירט געווארן פאר יורידיקציעס אינדרויסן פון די UASI-דעזיגנירטע ערטער.

ערלויבטע אויסגאבן רעכענען אריין פלאנירונג אזוויי זיכערהייט ריזיקע פארוואלטונג, פארזעצן מיט ארבעט, און רעאקציע פלענער; געצייג, ארייננרעכענענדיג פיזישע זיכערהייט פארבעסערונגען און איבערקוק/אונטערזוכונג סיסטעמען געצייג: אקטיווע שיסעריי טרענירונג און זיכערהייט טרענירונג פאר ארבעטער אדער קאנגרעגעישין מיטגלידער: רעאקציע איבונגען, און אויפגענומענע זיכערהייט שטאב מיטגלידער.

אין ניו יארק, איז דער סטעיט'ס UASI-דעזיגנירטע הויכע-ריזיקע שטאטישע ארט די ניו יארק סיטי מעטרא געגנט. ספעציפיש, באשטייט דאס פון ניו יארק סיטי, ווי אויך וועסטשעסטער, נאסאו און סופאלק קאונטיס. אין 2023, פירט ניו יארק דעם לאנד אין סיי די סך הכל פינאנצירונג ווי אויך די צאל דערהאלטער אין א UASI-דעזיגנירטע ארט, מיט $33.3 מיליאן ווערנדיג באשטימט פאר 174 נאן-פראפיט ארגאניזאציעס. די איבריגע $4.7 מיליאן פון פעדעראלע פינאנצירונג וועט ווערן באשטימט פאר נאן-פראפיט ארגאניזאציעס לענגאויס די אנדערע טיילן פונעם סטעיט.

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די [דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס](https://www.dhses.ny.gov) ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן-, באשיצן פון-, זיך גרייטן פאר-, רעאגירן צו-, זיך ערהוילן פון- און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס. פאר מער אינפארמאציע, פאַלאָוט @NYSDHSES אויף Facebook, Instagram און X (וואס פלעגט הייסן Twitter) אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](https://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]()